בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שְׁלַח

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ קִינְדֶער?..............................א

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַסְכִּים אִיךְ
זָאל פָאֶרְן קַיין אוּמַאן?..............................ג

וֶועלְכֶע גְרִינְגֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סֵפֶר אִין אִידִישׁ קֶען אִיךְ
נוּצְן פַאר חִיזוּק?..............................ד

וָואס הֵייסְט אַ בִּזָיוֹן?..............................ו

לֶערְנֶען עֶנְגְלִישׁ אִיז אַ סְתִירָה מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת?..ז

וִוי אַזוֹי גֶעוואוֹין זִיךְ אָפּ פוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן אִינְטֶערְנֶעט?..ח

מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב, אִיז
דָאס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג?..............................י

וִוי אַזוֹי קֶען דֶער שֵׂכֶל וֶוערְן מְקוּשָּׁר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן
מִיטְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד?..............................יב

קֶען אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן צַדִיקִים?......יד

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט שְׁטַארְקֶע פְּחָדִים?........טז

הָאט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ?............יט

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי שְׁנוּר הָאט נִישְׁט רֶעסְפֶּעקְט
פַאר אִיר מַאן?..............................כב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן וֶוען מַיין זוּן רֶעדְט
בָּרַבִּים קֶעגְן אִידְן?..............................כד

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָוארְפְן מִיט שִׁידוּכִים, וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט?......כו

זָאל מַיין וַוייבּ מַשְׁקִיעַ זַיין גֶעלְט אִין אַ בִּיזְנֶעס?..............כז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


גֶעזוּנְט קוּמְט פַאר אַלֶעס ........................................ א

אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מֶעסְט זִיךְ לוֹיט זַיין מִשְׁנַיוֹת................ ב

אַלֶע וֶועלְן גֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין ........................................ ב

אִיךְ בֶּעט דִיר פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ זָאלְסְט זִיךְ
קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר ........................................ ג

אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת........................ ד

יוּנְגֶע בָּחוּרִים דַארְפְן לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא אוּן חוּמָשׁ רַשִׁ״י ........ ה

בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת ........................................ ו

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי קָאמְפֵּיין עֶס זָאל
זַיין מִיט הַצְלָחָה ........................................ ו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שֵׁיין פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת........ ז

זוּךְ דִיר וֶועגְן וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַז דוּ זָאלְסְט
בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן ........................................ ח

אַז מֶען וֶועט זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת, וֶועלְן דִי קִינְדֶער
זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים ........................................ ט

גֵייט מִיט אַייעֶר מַאן, וֶועט אַייךְ זַיין גוּט........ י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט אַ פְּרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶ' מִיט אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן מִיט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, עֶס גֶעבְּט מִיר לוּפְט מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶפֶּעס וָואס דְרוּקְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק; דֶער גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע לִיבְּטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אִיךְ וַוארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעלֵיינְט אִין אַ גֶעוִויסֶע גִלְיוֹן אַ מַעֲשֶׂה פוּן צְווֵיי פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט נָאךְ קִינְדֶער וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶעם, אוּן נָאר נָאכְ'ן אִיבֶּערְבֶּעטְן הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען נָאךְ קִינְדֶער.

דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן מִיר גֶעמַאכְט פִילְן פַארְקְוֶועטְשְׁט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל אוֹיפְהֶערְן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן כְּדֵי אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען; אִיךְ ווֵייס אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג אוּן אִיךְ דַארְף עֶס נֶעמֶען אִין אַ גֶעזוּנְטֶע מָאס, דָאס מֵיינְט פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ הִיטְן דָאס מוֹיל אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אוּן פוּן הַיינְט שְׁטַארְק פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ מִמֵּילָא נִישְׁט הָאבְּן אַ נִסָּיוֹן צוּ טְשֶׁעפֶּען מֶענְטְשְׁן, וַוייל נָאר וֶוען מֶען אִיז נֶערְוֶועז אוּן צֶעדְרֵייט פַארְשֶׁעמְט מֶען מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע צֶעמִישְׁט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּזַאמְגֶעצוֹיגְן, דָאס בְּרֶענְגְט מִיר אַרַיין אַ נֶערְוֶועזְקֵייט, דַאן רֶעד אִיךְ נִישְׁט שַׁיין צוּ

די קינדער און דאן טראכט איך אז דער אייבערשטער זעט אז איך רעד נישט שיין, דערפאר גיי איך חס ושלום טאקע נישט האבן נאך קינדער. איך בין זייער צעבראכן און איך וועל זיך זייער פרייען פאר אן ענטפער.

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר ווילְט הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער - זָאלְט אִיר אַסַאךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת.

דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶפְנְט אוֹיף טוֹיעֶרְן אִין הִימְל פַאר גוּטֶע זַאכְן; ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט, ווִי מֶער מֶען לוֹיבְּט - אַלְץ מֶער גוּטְס קוּמְט פוּן הִימְל צוּם מֶענְטְשׁ. יֶעדֶעס מָאל מֶען זָאגְט: "אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן", "אִיךְ לוֹיבּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר", "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", - בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ און נָאךְ גוּטְס.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לוֹיבְּן יֶעדֶע רֶגַע, יֶעדֶע מִינוּט; דֶער שְׁפִּירְט שׁוֹין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט דִי טַעַם פוּן גַן עֵדֶן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קנ, ו): "כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ", יֶעדֶע נְשָׁמָה זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - "עַל כָּל נְשִׁימָה", אוֹיף יֶעדֶע אָטֶעם, "תְּהַלֵּל יָהּ", דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר וֶועט זֶען, אַז אִיר וֶועט דָאס טוּן - וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג און אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער און אֵייניקְלֶעךְ; אִיר וֶועט הָאבְּן כֹּחַ פִיזִישׁ און גֵייסְטִישׁ פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיבּ אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן זָאגְן

טָאג און נָאכְט: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַסְכִּים אִיךְ זָאל פָאְרְן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, יֶעדֶע רִיר אִין מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים און בְּרִיוְון.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, צִי אִיךְ דַארְף זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַזוֹי אַסַאךְ פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, זָאל אִיךְ מַאכְן אַ טִיקֶעט אֲפִילוּ מַיין טַאטֶע מַאמֶע גֵייעֶן נִישְׁט וֶועלְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט; צוּ יֶעדְן רֶבִּי מֶעג מֶען פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶע פָארְן צוּ זֵייעֶר רֶבִּי, און וֶוען מֶען הֶערְט אֵיינֶער פָארְט קַיין אוּמַאן - דָאמָאלְט וֶוערְט מֶען אוֹיסֶער זִיךְ, מֶען הָאט צַעַר און עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם.

אַ שָׁאד אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב, אַ שָׁאד זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן הֶפְקֵרוּת; וָואלְטְן זֵיי גֶעוְוּיסְט וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט, וָואלְטְן זֵיי דִיר גֶעהֵייסְן פָארְן.

קֶענְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כה), אַ קִינְד וָואס ווִיל גֵיין צוּ אַ רֶבִּי לֶערְנֶען מֶעג גֵיין אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (פִּתְחֵי תְּשׁוּבָה שָׁם, סְעִיף קָטָן כב) אַז אַ קִינְד ווִיל דַאוֶוענֶען אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶר זָאגְט אַז דָארְט וֶועט עֶר בֶּעסֶער מְכַוֵּון זַיין, מֶעג עֶר גֵיין דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערְן לָאזְן נִישְׁט.

דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן; אַז זֵיי פַארְשְׁעמֶען דִיר - זָאלְסְטוּ דָאס מְקַבֵּל זַיין בְּאַהֲבָה, דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְט זֵיי מְכַבֵּד זַיין, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶועלְן זֵיי זֶען וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶועלְכֶע גְרִינְגֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סֵפֶר אִין אִידִישׁ קֶען אִיךְ נוּצְן פַאר חִיזוּק?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע פַאר אַ סִיבָּה, אוּן עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוַואךְ אִין אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין פְּרָטִים, אָבֶּער אִיךְ בִּין גָאר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער יָא נָאךְ גֶעלֵייגְט תְּפִלִּין אוּן גֶעזָאגְט דִי ד' פַּרְשִׁיּוֹת.

אֵיין טָאג בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אוֹיפְצוּהֶערְן לֵייגְן תְּפִלִּין, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען גְלַייךְ צוּ דִי אַרְבֶּעט, אָבֶּער שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים בִּין אִיךְ דוּרְךְ אַ שׁוּל, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין צוּ נוּצְן דִי בֵּית הַכִּסֵּא אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט אִין שׁוּל גֶעטְרָאפְן אוֹיפְ'ן טִישׁ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר צֶעטְל, בִּקִיצוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָארְט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילּוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב מֶען אִיז אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דָאס הָאט גֶעעֶפְנְט מַיין הַארְץ, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַפָּאר

מִינוּט צוּ דִי שְׁקִיעָה, אִיךְ בִּין אַרוֹיס צוּ מַיין קַאר אוּן אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט מַיין רַשִׁ"י'ס תְּפִילִין אִין דִי הַאלְטֶער פוּן דִי רַבֵּינוּ תָּם'ס תְּפִלִּין, אוּן צוּרִיק אַרַיין אִין שׁוּל לֵייגְן תְּפִלִּין מִיט דִי ד' פַּרְשִׁיּוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה, דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְחָה נָאךְ גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

צוּ מַאכְן אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה קוּרְץ, אִיךְ הָאבּ זַייט דֶעמָאלְט נִישְׁט פַּארְפַּאסְט קַיין דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן נָאר כָּשֶׁר'ס, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אָבֶער יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ פַאל, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר שׁוֹין אֵיינְמָאל צוּרִיק גֶערוּפְן, אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס וֶועט פַּאסִירְן נָאכְאַמָאל, אוּן דָאס הַאלְט מִיר.

יֶענֶער וָואס הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם צֶעטְל וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט, אִיךְ וֵויס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט הַיינְט אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען נִישְׁט יֶענֶעם צֶעטְל.

אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ הֶערְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ גְרִינְגֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר סֵפֶר אוֹיף אִידִישׁ, וָואס אִיךְ קֶען הַאלְטְן בַּיי מִיר אוּן בְּלִיקְן דֶערִין זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ הֶערְן אָדֶער זֶען, אוּן אֲפִילוּ לֵיינֶען בְּלֶעטְלֶעךְ, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר זָאגְן אוֹיף אַ גְרִינְגֶע סֵפֶר אִין אִידִישׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, זוּךְ אוֹיף דִי כְּרָכִים אִין אִידִישׁ, בְּעֵרֶךְ אַכְט הוּנְדֶערְט בְּרִיוו הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן אִין אִידִישׁ; דָאס וֶועט דִיר שְׁטַארְק מְחַזֵּק זַיין אִין אַלֶע צַייטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; בְּרִיוו גֶעשְׁרִיבְּן אִין אִידִישׁ. עֶס אִיז דָא דָארְט חִיזּוּק פַאר דָרֵי מַעֲלָה אוּן דָרֵי מַטָּה; סֵיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט

אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סַיי וֶוען מֶען פַּאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית - זֶענֶען דִי בְּרִיוו זֵייעֶר מְחַזֵּק.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה; גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיט אִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן וִוי שְׁטַארְק דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס הֵייסְט אַ בִּזָּיוֹן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ מָאל אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן כַאפְּן אַ בִּזָּיוֹן, וויל אִיךְ ווִיסְן וָואס הֵייסְט אַלְץ אַ בִּזָּיוֹן? וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אַ בִּזָּיוֹן אִיז עֶס אוֹיךְ אַ בִּזָּיוֹן? וֶוען דִי בִּזָּיוֹן קוּמְט זִיךְ, אִיז עֶס אוֹיךְ אַ בִּזָּיוֹן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק - דָאס אִיז תְּשׁוּבָה; דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אוֹיבּ אַ צְוֵוייטֶער פַארְשֶׁעמְט אָדֶער מֶען וֶוערְט אַלֵיינְס פַארְשֶׁעמְט, אַז מֶען גֵייט

וַוייטֶער אָן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - דָאס אִיז תְּשׁוּבָה.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּב; וֶוען טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט, מֶען כַאפְּט אַ בִּזָּיוֹן פוּן זֵיי, אָדֶער וֶוען דִי וַוייבּ זָאגְט עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט, - זָאל מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר וַוייטֶער זַיין צוּ זֵיי גֶעטְרֵיי. אוֹיבּ מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט רֵיין וֶוערְט דֶעמָאלְט אַבִּיסְל מֶער רֵיינֶער. אֲפִילוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע וָוארְט אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען, מֶען אִיז זִיךְ אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דוּ קוּמְסְט אַהֵיים שְׁפֶּעט אוּן דַיין וַוייבּ גֶעבְּט דִיר אַ בִּזָּיוֹן. עֶס קוּמְט דִיר, דוּ בִּיסְט אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט; אַז מֶען בְּלַייבְּט שְׁטִיל אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וִוי מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אֲפִילוּ דִי מִתְנַגְּדִים וֵוייסְן אַז דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט. אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אַז דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן פַארְשֶׁעמְט אַ אִיד, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים בָּרַבִּים אוּן יֶענֶער הָאט יָא גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט, הָאבְּן דִי מִתְנַגְּדִים גֶעזָאגְט, עֶס מוּז זַיין אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶ׳ער, וַוייל דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט, דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער זֶענֶען מְקַיֵּים ׳שׁוֹמֵעַ בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען עֶנְגְלִישׁ אִיז אַ סְתִירָה מִיט׳ן רֶבִּינְ׳ס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל אוֹיסְדְרוּקְן מַיין דַאנְקְבַּארְקֵייט פַאר אַייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט אוֹיפְצוּאוֶועקְן מֶענְטְשְׁן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אִיךְ אַרְבֶּעט אַלְס אַן עֶנְגְלִישׁ טִיטְשֶׁער אִין אַ חֲסִידִי'שֶׁע חֵדֶר, אִיךְ בִּין אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה

אִיז מִיר עֶס אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן צוּפִיל כֹּחוֹת זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר אַלְץ אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט דִּיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה, תַּכְלִית, אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז לְמַעֲשֶׂה לֶערְן אִיךְ מִיט דִּי קִינְדֶער דִּי אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן אוּן חָכְמוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָאךְ אַזוֹי סַאךְ פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט דֶעם וָואס אִיךְ לֶערְן חָכְמוֹת מִיט דִּי קִינְדֶער? אִיז עֶס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן לוֹיט'ן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים צוּ זַיין אַן עֶנְגְלִישׁ טִיטְשֶׁער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִּירָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נב): ״מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, פוּן יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין דִּי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶעס אִיז נָאר עֶר, אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ פוּן אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין אַרְבֶּעט, זוּךְ וִוי דוּ קֶענְסְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִּי לִימוּדִים דִּי רֵיינֶע אֱמוּנָה. לֵייג אַרַיין אִין קִינְדֶער דִּי רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִּי וֶועלְט, עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם וַוייל קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען זָאל נִישְׁט חַנְפָה׳נֶען קֵיינֶעם וַוייל קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט גֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען דִינֶען.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי גֶעוואוֹין זִיךְ אָפּ פוּן זַיין פַּארְנוּמֶען מִיטְ׳ן אִינְטֶערְנֶעט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן שְׁמוּעֶסְן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן אִין בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ הָאבּ אִינְטֶערְנֶעט אִינְדֶערְהֵיים שׁוֹין בַּאלְד צְוֵויי יָאר, אוּן אוֹיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט עֶטְלִיכֶע מָאל עֶס אָפְּצוּלָאזְן אָבֶּער עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, וַוייל עֶס וֶוערְט מִיר זֵייעֶר לַאנְגְוֵוייליג אָן דֶעם, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה נֶעמְט עֶס מִיר אַוֶועק מַיין קָאפּ אוּן מַיין צַייט.

לֶעצְטְנְס הָאט עֶס מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער צוּ שְׁטֶערְן, וַוייל אִיךְ בִּין אַ סוֹפֵר, דַארְף אִיךְ דָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אִיךְ פִּיר זִיךְ, אוּן אוֹיךְ מַיין אִינְגְל הוֹיבְּט שׁוֹין אָן וֶוערְן גְרֶעסֶער.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶס אָפְּלָאזְן גְלַייךְ אִינְגַאנְצְן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶס קוֹדֶם מַאכְן כָּשֵׁר? אָדֶער אֶפְשָׁר אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הֶערְן וֶוער עֶס זֶענֶען דִי סוֹפְרִים וָואס שְׁרַייבְּן הֵיילִיגֶע מְזוּזוֹת אוּן תְּפִילִין; אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף דִיר, דוּ בִּיסְט אַ סוֹפֵר אוּן דוּ הָאסְט אִינְטֶערְנֶעט אִין שְׁטוּבּ?! דוּ בִּיסְט אַ סוֹפֵר אוּן דוּ קוּקְסְט אִינֶעם אִינְטֶערְנֶעט רַחֲמָנָא לִצְלָן?!

אָדֶער וַוארְף אַוֶועק דַיין פֶּעדֶער אוּן הֶער אוֹיף שְׁרַייבְּן הֵיילִיגֶע מְזוּזוֹת

און תְּפִילִין אָדֶער וַוארְף אַוֶועק דִי אִינְטֶערְנֶעט און טוּ תְּשׁוּבָה.

חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (עֵירוּבִין יג.) רַבִּי מֵאִיר הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי יִשְׁמָעֵאל און עֶר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיךְ טוּ פַאר פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "לַבְלָר אֲנִי", אִיךְ בִּין אַ סוֹפֵר, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "בְּנִי, הֱוֵי זָהִיר בִּמְלַאכְתְּךָ, שֶׁמְּלַאכְתְּךָ מְלֶאכֶת שָׁמַיִם הִיא, שֶׁמָּא אַתָּה מְחַסֵּר אוֹת אַחַת אוֹ מְיַיתֵּר אוֹת אַחַת, נִמְצָא מַחֲרִיב אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ", גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס דוּ טוּסְט, דַיין אַרְבֶּעט אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פַארְפֶעלְן אֵיין אוֹת אָדֶער צוּלֵייגְן אֵיין אוֹת - קֶענְסְטוּ חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז זַיין אַ סוֹפֵר אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל.

וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע כֵּלִים און זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ גֶעקוּקְט, טוּ תְּשׁוּבָה; נָאר אַזוֹי קֶענְסְטוּ וַוייטֶער שְׁרַייבְּן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרַייבְּן נָאר אַז דוּ גֵייסְט אִין מִקְוֶה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דֶעם בְּרִיו, דוּ וֶועסְט אַלֶעס אַוֶועק וַוארְפְן; נָאר אַזוֹי קֶענְסְטוּ וַוייטֶער שְׁרַייבְּן סִפְרֵי תּוֹרָה, תְּפִילִין און מְזוּזוֹת.

...

## מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב, אִיז דָאס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן טַעְנָה'ט אַז זַייט עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלֶב, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן. אִיךְ מֵיין אָבֶּער אַז זַייט דֶעמָאלְט אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן מַמָּשׁ חָרוּב גֶעוָוארְן. עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת יֶעדְן טָאג זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן לַיין פוּן קוֹל בְּרֶסְלֶב, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעדַארְפְט גֵיין קוּקְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא פְרִישֶׁע בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, און וואוּ עֶר גֵייט און שְׁטֵייט הָאט

עֶר אַלֶץ אַ מִשְׁנָיוֹת, תְּהִלִּים, גְמָרָא, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע סֵפֶר, און עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ רֶעדְן אֲפִילוּ מִיט מִיר.

עֶר טַעְנָה'ט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז זַיין רֶבִּי און מוֹרֶה דֶרֶךְ, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען אוּנְז עֶנְטְפֶערְן אוֹיב דָאס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב פִיר און צְוַואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג, און מַמָּשׁ נִישְׁט אָנְקוּמֶען זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי ווַייבּ און קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, עֶס הֶערְט זִיךְ זֵייעֶר מָאדְנֶע אַז אַייעֶר לֶעבְּן אִיז אַייךְ חָרוּב גֶעוָוארְן זַייט אַייעֶר מַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב; עֶפֶּעס שְׁטִימְט נִישְׁט, עֶפֶּעס פֶעלְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אִיר בַּאהַאלְט עֶפֶּעס.

אִיךְ רָאט אַייךְ אִיר זָאלְט אַלֵיינְס הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים און לֵיינֶען דִי בְּרִיוו, אִיר זָאלְט זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים און וָואס מֶען שְׁרַייבְּט אִין דִי בְּרִיוו; נִישְׁטָא נָאךְ אַ פְּלַאץ וָואס זָאל אַזוֹי מְחַזֵק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת ווִי בַּיים רֶבִּי׳ן, נִישְׁטָא נָאךְ אַ פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט וָואס שָׁלוֹם בַּיִת זָאל זַיין נוּמֶער אֵיינְס - אַזוֹי ווִי בַּיים רֶבִּי׳ן; עֶס מוּז זַיין אַז אִיר זוּכְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף בְּרֶסְלֶב, ווַייל אִיר הָאט גֶעהֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דֶעם פְּלַאץ, אָדֶער שֶׁעמְט אִיר זִיךְ פוּן אַייעֶרֶע חַבֶרְ׳טֶעס, דֶערִיבֶּער זוּכְט אִיר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַייעֶר מַאן.

אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן, עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז דֶער מַאן הַאלְט מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנָיוֹת?! עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז דֶער מַאן הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה?! וָואס הָאט אַייעֶר מַאן גֶעטוּן אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן

דֶעם רֶבִּי'ן? מִן הַסְתָּם הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט אַ טֶעלֶעפָאן, אִיז דָאס גֶעוֶוען בֶּעסֶער?! וָואס הָאט אַייעֶר מַאן גֶעהֶערְט אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דֶעם רֶבִּי'ן? מִן הַסְתָּם הָאט עֶר גֶעהֶערְט הַאטְלֵיינְס פוּן נַייעֶס, דָאס אִיז בֶּעסֶער?!

עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס לִיגְט אִין אַייךְ אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פַּיינְטְשַׁאפְט, אַנְדֶערְשׁ קֶען אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס זָאל אַייךְ שְׁטֶערְן אַז אַייעֶר מַאן לֶערְנְט אוּן אִיז זִיךְ מְחַזֵּק מִיט גוּטֶע עֵצוֹת ווִי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיבּ בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְט, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם פַּיינְטְשַׁאפְט, נָאר אִיר זֶענְט פָּשׁוּט אַ רַחְמָנוּת אַז אַייעֶר מַאן הֶעלְפְט אַייךְ נִישְׁט, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אוּן אוֹיף אַייךְ קוּקְט עֶר נִישְׁט, דֶעמָאלְט זַייט נִישְׁט בֵּייז אוֹיף בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז זַיין אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם; אוּן אַז עֶר הָאט אַזַא פְּרָאבְּלֶעם, עֶר ווֵייסְט נִישְׁט וָואס אַ ווַייבּ אִיז - זָאלְט אִיר אִים מְחַזֵּק זַיין צוּ לֶערְנֶען מֶער סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב. זַייט אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת, ווֶעט עֶר זֶען צוּבִּיסְלִיךְ וָואס אַ ווַייבּ אִיז, ווִי מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַ ווַייבּ, ווִי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אַ ווַייבּ; גֶעבְּט אִים צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים ווִי מֶען רֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט ווִי מֶען זָאל הַאלְטְן טַייעֶר אוּן חָשׁוּב דִי ווַייבּ, בִּיז עֶר ווֶעט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט אַייךְ ווִי עֶס דַארְף זַיין.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לֶעבְּן מִיט אֵיין ווֶעג, בֵּיידֶע זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁטֵיין, בֵּיידֶע זָאלְן מְוַתֵּר זַיין אֵיינֶער פַארְ'ן צְווֵייטְן; דוּרְךְ תְּפִלָּה ווֶעט אִיר זוֹכֶה זַיין אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען דֶער שֵׂכֶל וֶוערְן מְקוּשָּׁר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט כְּסֵדֶר פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט. לוֹיט ווי אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין חֲסִידִישֶׁע סְפָרִים, בְּעִיקָּר אִין סֵפֶר הַתַּנְיָא, אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה אַז אוּנְזֶער שֵׂכֶל זָאל זִיךְ צוּזַאמְשְׁטֶעלְן מִיטְ'ן שֵׂכֶל אֱלֹקִי פוּנֶעם אֵיבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ אַזוֹי אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פוּן בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אָן פַארְשְׁטֵיין, מֵילָא וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְּסוּקִים פוּן תַּנַ"ךְ, אִיז דָאס דָאךְ דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אָבֶּער תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה הָאט לִכְאוֹרָה נִישְׁט קַיין פְּשַׁט בְּלוֹיז צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו, קֶען אוֹיךְ זַיין דֶער פְּשַׁט דָארְט אַז אוֹיבּ מֶען קוּמְט אָן צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין נָאר גֵיין וַוייטֶער, אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען זָאל לְכַתְּחִלָּה בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִינֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד כָּל זְמַן מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס נִישְׁט אוֹיס.

וֶוען מֶען הֶערְט רֶעדְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן

פַאַרְשְׁטֵיין - הֶערְט זִיךְ דָאס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מָאדְנֶע; אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס אוֹיס, מֶען לֵייגְט אַלֶע חָכְמוֹת אִין דֶער זַייט, מֶען לֵייגְט דִי גַּאֲוָה אִין דֶער זַייט, מֶען בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ, מֶען נֶעמְט אָן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט; מֶען נֶעמְט אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא וְכַדוֹמֶה אוּן מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער. אִין אָנְהֵייבּ פַאַרְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען טוּט דָאס טָאג נָאךְ טָאג, מֶען זָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, צוּבִּיסְלִיךְ עֶפְנְט זִיךְ דִי קָאפּ, מֶען הֵייבְּט אָן פַאַרְשְׁטֵיין, דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס שֵׂכֶל וֶוערְט אֵיינְס מִיטְ'ן שֵׂכֶל אֱלוֹקַי, בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ פַאַרְשְׁטֵיין - נָאךְ מֶער וִוי מֶען וָואלְט וֶוען פַאַרְשְׁטַאנֶען וֶוען מֶען ווִיל גְלַייךְ פַאַרְשְׁטֵיין.

קוּק אַרַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שָׁם): "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַאַרְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַאַרְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַאַרְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען

דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כוּלָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח). עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן צַדִיקִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט אַסַאךְ זָאגְן אַז יֶעדֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, לְמַעֲשֶׂה זֶעט מֶען דָאךְ אַזוֹיפִיל אִידְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אוּן זֵיי קוּמֶען נִישְׁט צוּ צוּ קַיין מַדְרֵיגוֹת, וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם? אוּן וָואס אִיז יָא דֶער וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי צַדִיקִים?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִינֶעם קוּנְטְרֵס הָעֲבוֹדָה פוּנֶעם מהרש"ב פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז וֶוען מֶען הָאט הֲנָאוֹת גַּשְׁמִיוּת, קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין חַיוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אִיז שַׁיָּיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפּצוּשֵׁיידְן פוּן הַנָּאוֹת גַשְׁמִיוּת פוּן דִי וֶועלְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוּו.

דַיין שְׁאֵלָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן. (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קע): "פַּעַם אַחַת שָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ", אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "מַדּוּעַ כַּמָּה יְרֵאִים

הִתְיַגְּעוּ בַּעֲבוֹדַת ה׳ הַרְבֵּה מְאֹד (שְׁקוֹרִין הָארִיוֶוין) וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגַת הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים״, מֶען זֶעט דָאךְ אַזוֹיפִיל עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן צַדִיקִים? ״הֵשִׁיב בִּפְשִׁיטוּת״, הָאט מִיר דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״מִסְתָמָא לֹא הִתְיַגְּעוּ כָּל כָּךְ״, מִן הַסְתָּם הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהָארִיוֶועט.

אוֹיף דַיין צְוֶוייטֶע שְׁאֵלָה; עֶס אִיז דָא כַּמָּה דְּרָכִים בַּיי צַדִיקִים וָואס אִיז דִי וֶועג זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען וָואס הָאבְּן גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן, זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּטֵיילְן פוּן עוֹלָם הַזֶה; דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג, זֵייעֶר וֶוייניג זֶענֶען זוֹכֶה זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסַארְבֶּעטְן, נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט עוֹלָם הַזֶה. דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג וָואס אִיז גְרִינְג פַאר אַלֶעמֶען, אַנְשְׁטָאט זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי וֶועלְט, אַנְשְׁטָאט זִיךְ שְׁלָאגְן וֶוען מֶען אִיז עוֹסֵק אִין וֶועלְט זַאכְן נִישְׁט הַנָאָה צוּ הָאבְּן - זָאל מֶען אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי זַאכְן; לְמָשָׁל, אַז מֶען עֶסְט - זָאל מֶען טְרַאכְטְן: ׳אִיךְ עֶס כְּדֵי אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, אַז מֶען הָאט הַנָאָה פוּן דִי עֶסְן - זָאל מֶען טְרַאכְטְן: ׳וֶוער מַאכְט דִי עֶסְן? וֶוער מַאכְט דִי גֶעשְׁמַאקֶע הַנָאָה? דָאס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, זָאל מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי אִיז אִין אַלֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נא): ״בֶּאֱמֶת אֵין נִמְצָא שׁוּם תַּאֲוָה כְּלָל״, ווִי אִיז שַׁיָיךְ בִּכְלַל תַּאֲווֹת? ״כִּי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה הוּא הֶכְרֵחַ לְקִיּוּם הַגּוּף״, עֶסְן דַארְף מֶען כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁלָאפְן דַארְף מֶען צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, ״וְגַם בָּנִים מֻכְרָחִים לְהוֹלִיד״, חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען צוּ קֶענֶען טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָה וּרְבִיָה, ווִי אִיז שַׁיָיךְ תַּאֲווֹת?! דִי וֶועג קֶענֶען אַלֶע טוּן, אֲפִילוּ מִיר פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע

מַדְרֵיגָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד; וְעוֹד): "אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ מַיין דַּרְגָּה דוּרְךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט שְׁטַארְקֶע פְּחָדִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְּרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל וָואס אִיר גֶעבְּט פַאר מִיר, פַאר מַיין וַוייבּ, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר וֶועם נִישְׁט. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ מְלַמֵּד, אוּן אִיךְ שֶׁעפּ מַיין חָכְמָה פוּן אַייעֶרֶע בְּרִיוְון, גִּלְיוֹנוֹת שִׁיעוּרִים, חִיזּוּק יוֹמִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ אַ קִינְד אִין מַיין קְלַאס וָואס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחְדָן, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אֵיינֶעם אַדְרֶעסִירְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער הֱיוֹת אִיךְ הֶער אוֹיס יֶעדֶע שִׁיעוּר אַייעֶרֶע, בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער דִי מְלַמְּדִים אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב וִוי זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אוֹיף זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן, הֶער אִיךְ דָארְט וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְצֵיילְט פוּן אַ קִינְד וָואס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד אַז דֶער מְלַמֵּד אָדֶער בָּאס דְרַייוֶוער גֵייט אִים אִיבֶּערְלָאזְן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט דָארְט אַרוּם וִוי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם קִינְד, דֶער מְלַמֵּד מַאכְט עֶס מִיט חָכְמָה, נִישְׁט אִיבֶּערְצוּלָאזְן דָאס קִינְד קֵיינְמָאל אַלֵיין.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אַן הַנְהָגָה אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט פְּחָדִים, וַוייל אִיךְ טְרַאכְט אַז מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט בַּאגְלֵייטְן דָאס קִינְד זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס אַזַא קִינְד זִיךְ צוּ סְפְּרַאוֶוען מִיט דִי פַּחַד? אִיז דָאס טַאקֶע דֶער לֶעזוּנְג אַז דֶער מְלַמֵּד זָאל מִיטְנֶעמֶען דָאס קִינְד מִיט זִיךְ אִיבֶּעראַל וואוּ עֶר גֵייט? דָאס קִינְד וֶועט דָאךְ אַזוֹי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ לֶעבְּן נָארְמַאל?

אִיךְ פְרֶעג וַוייל אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַזַא קִינְד אִין מַיין קְלַאס וָואס הָאט שְׁרֶעקְלִיכֶע

פְּחָדִים, אִיךְ הֵייב אִים אוֹיף אוּן אִיךְ רֶעד אַסַאךְ מִיט אִים אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער חֵלֶק אַז בִּיז דֶערְוַוייל בַּאגְלֵייט מֶען דָאס קִינְד כְּסֵדֶר, כַּאפְּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג. אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע מְהַלֵּךְ אִין דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, דַיינֶע תַּלְמִידִים - אֱמוּנָה, רֶעד אַסַאךְ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מֶער דוּ וֶועסְט רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, וַוייל אֱמוּנָה נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים.

בְּנוֹגֵעַ דַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט שְׁטַארְקֶע פְּחָדִים; אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים אוּן דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִים פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר וֶוערְן אַ גֶעזוּנְט קִינְד.

אַז דוּ רֶעדְסְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין חֵדֶר אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן דִי סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

פַאר לַאנְגֶע חֲדָשִׁים הָאט דֶער קִינְד נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ וַוארְפְן פַאר שְׁרֶעק, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד נָאכְדֶעם וָואס אַ בָּאס דְרֵייוֶוער הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן סֵדֶר צְוִוישְׁן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער וָואס טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיפְ׳ן בָּאס אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: ״וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט פָאלְגְן וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מִיט קוּמֶען אוֹיפְ׳ן בָּאס, עֶר וֶועט בְּלַייבְּן אַלֵיין אִין חֵדֶר!״ דֶער קִינְד הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד אַז מֶען גֵייט אִים אִיבֶּערְלָאזְן אִין חֵדֶר, עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען אִין חֵדֶר; גַאנְצֶע טֶעג אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן וְוען זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים גֶעהֵייסְן גֵיין אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט וֵויינֶען אוּן שְׁרֶעק.

אִין חֵדֶר הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אֲוֶועק גֶערִירְט פוּן זַיין מְלַמֵּד; דֶער מְלַמֵּד אִיז אַן עֶרְלִיכֶער, אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער, פְלֶעגְט עֶר אִים מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ, עֶר הָאט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיפְ'ן קִינְד. וֶוען דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אָפִיס - אִיז עֶר מִיט גֶעגַאנְגֶען, וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן - אִיז עֶר מִיט גֶעגַאנְגֶען. דִי קִינְדֶער פוּן כִּתָּה הָאבְּן אִים מְקַנֵּא גֶעוֶוען, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן 'דִי קִינְדֶער זֶענֶען מִיר מְקַנֵּא, זֵיי מֵיינֶען אַז אִיךְ גֵיי מִיט דִי רֶבִּי וַוייל אִיךְ בִּין אַ מְיֻחָס, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס פַאר אַ יְסוּרִים אִיךְ הָאבּ'.

עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים גֵיין אַ שָׁעָה פְרִיעֶר וַוייל דִי לֶעצְטֶע שָׁעָה פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַמָּשׁ וַוארְפְן פַאר שְׁרֶעק אַז אֶפְשָׁר גֵייט מֶען אִים אִיבֶּערְלָאזְן. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין זוּנְטָאג אוּן פְרַייטָאג אִין חֵדֶר, וַוייל דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין וֶועג אַהֵיים פְרִיעֶר.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער דִי פָּאר חֲדָשִׁים; דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן פַארְזָאסְן אַסַאךְ טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַארְ'ן קִינְד אוּן דֶער מְלַמֵּד הָאט אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַארְ'ן קִינְד.

דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער טַאטֶע פוּנֶעם קִינְד אַז זַיין זוּן זָאגְט אִים עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס עֶר הָאט אַזוֹי מוֹרָא גֶעהַאט, עֶר קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דָא מוֹרָא צוּ הָאבְּן...

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער טַאטֶע, אַז זַיין קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין שׁוּל וַוייל אוֹיפְ'ן וֶועג זֶענֶען דָא הִינְט וָואס בִּילְן, דֶער קִינְד פְלֶעגְט הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים פוּן דִי הִינְט.

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַלְץ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דִי הִינְט בִּילְן - אָבֶּער קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט; בִּיז דֶער קִינְד הָאט שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא, עֶר גֵייט אִין שׁוּל אָן קַיין

שׁוּם פַּחַד, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען שְׁרֶעק, רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה.

מֶען דארְף הָאבְּן מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אֱמוּנָה מִיט תַּלְמִידִים נָאר אַז מֶען הָאט אַלֵיינְס אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; אַז דֶער מְלַמֵּד אַלֵיינְס קְוֶוענְקְלְט אוּן אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט אֱמוּנָה, עֶר אַלֵיינְס פַאר זִיךְ הָאט פְּחָדִים, עֶר נֶעמְט פִּילְן פַאר פְּחָדִים - וִוי אַזוֹי קֶען עֶר הֶעלְפְן זַיינֶע תַּלְמִידִים?

ווּאוּיל אִיז דֶער וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, דֶער הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאט מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ?

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרָשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי שְׁאֵלָה אִיז וָואס מֵיינְט בַּיי דִיר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ? צוּ קֶענֶען אַרַיינְקוּקְן בַּיי יֶענֶעם אִין שְׁטוּבּ זֶען וָואס יֶענֶער טוּט, וָואס יֶענֶער עֶסְט פַאר נַאכְטְמָאל - דָאס מֵיינְט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ? צוּ וִויסְן וָואס פַאר אַ פְרִישְׁטָאג יֶענֶער עֶסְט - דָאס מֵיינְסְטוּ אִיז רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ? וֶוען מֶען הֶערְט אוּן מֶען לֵיינְט אוֹיף צַדִּיקִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, וָואס טְרַאכְסְטוּ? וָואס אִיז דָאס רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ? דִי צַדִּיקִים זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן הָאבְּן אַזוֹי וִוי אַ סֶעטֶעלַייט קַאמֶערֶע צוּ וִויסְן וָואס יֶענֶער עֶסְט? וָואס יֶענֶער טוּט?

רוּחַ הַקוֹדֶשׁ מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען וֵוייסְט עֲתִידוֹת, אַז מֶען וֵוייסְט וָואס גֵייט זַיין; רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר שְׁפִּירְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דֶעם קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֵיינִיגְט זִיךְ זַיין מוֹיל - עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין שֶׁקֶר, עֶר זָאגְט נִישְׁט קַיין לִיגְנְט; עֶר רֵיינִיגְט זִיךְ זַיין נָאז - עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, עֶר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶר רֵיינִיגְט זִיךְ זַיינֶע אוֹיעֶרְן - דָאס מֵיינְט עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר גְלֵייבְּט אַלֶעס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אוֹיעֶרְן; אוּן עֶר רֵיינִיגְט זִיךְ דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס - וֶועט עֶר זוֹכֶה צוּ שֶׁפַע אֱלוֹקִי, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא): "רוּחַ הַקֹּדֶשׁ הוּא שֶׁפַע אֱלֹקִי", צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי זִיבְּן נֵרוֹת - דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל, "שֶׁעַל יָדָם", דוּרְךְ דֶעם: "הָאָדָם מַשִּׂיג פְּנֵי הַמְּנוֹרָה, הַיְנוּ סֻכָּה", רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן סוּכָּה, אַזוֹי וִוי אִין אַ סוּכָּה אִיז מֶען אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיט דִי סְכַךְ, דֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין אַ סוּכָּה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הַיְנוּ שֶׁפַע אֱלֹקִי", דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נִקְרָא עַל שֵׁם הַחָכְמָה, שֶׁהִיא רוּחַ חָכְמָה הַבָּא מִקֹּדֶשׁ", מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן זַאכְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער שְׁפִּירְט נִישְׁט, מֶען הֵייבְּט אָן וֶוערְן אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָּבָר, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים אַז יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. מוֹהֲרָא"ש הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י פוּנֶעם טָאג פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן יֶענֶע וָואךְ, זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, לֶערְנֶען זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא אוּן עֶנְדִיגְן דִי מֶדְרָשׁ פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ - אִיז זִיכֶער אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. וַוייל דִי פִיר לִימוּדִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר וֶועלְטְן אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה אוּן עֲשִׂיָּה; דוּרְךְ דִי פִיר לִימוּדִים אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ

הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי פִיר וֶועלְטְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ״.

אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. קוֹדֶם נֶעם דִי עֵצָה, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין. לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי וָואךְ, זוּנְטָאג לֶערְן בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג - בִּיז שְׁלִישִׁי, בִּיז סוֹף וָואךְ. הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; זֵיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן הֵייבּ אָן שַׁ״ס; לֶערְן יֶעדְן טָאג זִיבְּן בְּלַאט גְּמָרָא, בִּיז סוֹף יָאר וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ״ס, אוֹיךְ לֶערְן מֶדְרָשׁ - וֶועסְטוּ זֶען צוּ וָואס דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין, צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי שְׁנוּר הָאט נִישְׁט רֶעסְפֶּעקְט פַאר אִיר מַאן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מַיין זוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, בֶּאֱמֶת אַ טַייעֶרֶער בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַ בַּעַל מִידוֹת, אָבֶּער מַיין שְׁנוּר רֶעדְט זַייעֶר נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג צוּ אִים, זִי רֶעדְט צוּ אִים אַזוֹי ווִי זִי וָואלְט גֶעוֶוען זַיין מַאמֶע, זִי זָאגְט זַייעֶר שְׁטַארְק אִיר מֵיינוּנְג, נִישְׁט אוֹיף אַ וֶועג פוּן זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים. וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּ אוּנְז אוֹיף שַׁבָּת דַארְף אִיךְ זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיף אִיר: "וֶוער הָאט דִיךְ גֶעפְרֶעגְט?! אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ מַאן?! וואוּ אִיז דִי בִּיסְל רֶעסְפֶּעקְט?"

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ, אַלְס דִי שְׁווִיגֶער, טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין זַייעֶר לֶעבְּן. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מַיין זוּן הָאט אַ ווַייבּ, אוּן זֵיי לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּט לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר מַמָּשׁ אוֹיף דִי נֶערְוְון וֶוען אִיךְ הֶער ווִי זִי בַּאפֶעלְט אִים וָואס צוּ טוּן, זִי רֶעדְט

פוּן זַיְינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין פָּארֶנְט פוּן מֶענְטְשְׁן, לְמָשָׁל וֶוען זִי פְרֶעגְט מִיךְ וָואס זִי קֶען טוּן אַז אִיר מַאן זָאל זַיין מֶער מְסוּדָּר'דִיג, אוּן זִי פְרֶעגְט עֶס אִין פָּארֶנְט פוּן אִים. אִיךְ עֶנְטְפֶער אִיר מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וָואלְט אִיר גֶעדַארְפְט מְחַנֵּךְ זַיין אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין וִויצְן אוֹיפְ'ן מַאן'ס חֶשְׁבּוֹן.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ טָאר אִיר גָארְנִישְׁט זָאגְן, אוּן אִיךְ וֶועל אִיר וַוייטֶער טֵייעֶר הַאלְטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶער זֶען אַז זִי זָאל טוֹישְׁן אִיר שְׁלֶעכְטֶע וֶועג פוּן רֶעדְן? בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ גֶעבְּט מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם, מֶען רֶעדְט מִיט רֶעסְפֶּעקְט, סַיי דִי קִינְדֶער צוּ אוּנְז, אוּן סַיי מִיר צְווִישְׁן זִיךְ, עֶס אִיז זֵייעֶר קֶעגְן דִי חִינוּךְ וִוי אַזוֹי אוּנְזֶער שְׁטוּבּ פִירְט זִיךְ. אֲפִילוּ דִי מֵיידְלֶעךְ צְווִישְׁן זִיךְ, וֶוען זֵיי דַארְפְן זִיךְ טֵיילְן מִיט דִי אַרְבֶּעט, זָאגְן זֵיי נִישְׁט: "דוּ מוּזְט עֶס טוּן", נָאר: "אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ צֶעטֵיילְן מִיט דִי אַרְבֶּעט?"

עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ; אִיךְ וִויל אִיר נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן, וַוייל אוֹיסֶער דִי זַאךְ - וָואס בְּעֶצֶם הַאלְט אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט, נָאר מֶער אַ חֶסְרוֹן יְדִיעָה, קֵיינֶער הָאט אִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי רֶעדְט מֶען נִישְׁט - אִיז זִי זֵייעֶר גוּט, אִין אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג מִיט סִיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע שְׁאֵלָה; זָאגְן דִי שְׁנוּר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִיז נִישְׁט כְּדַאי, אוּן נִישְׁט זָאגְן אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ וַוייטָאגְלִיכֶע שְׁאֵלָה.

אַ שָׁאד מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל - מִידוֹת; וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע - בִּפְרָט מִיט דִי מַאן. אַנְשְׁטָאט לֶערְנֶען זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט לֶעבְן, אַנְשְׁטָאט לֶערְנֶען דִי אַלֶע יָארְן אִין סְקוּל זַאכְן וָואס וֶועט פוּן דֶעם גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פַאר'ן לֶעבְן - וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען וָואס דָאס לֶעבְן אִיז, וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט

אַ מַאן, ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע; דָאס עֶקֶלְדִיגְקֵייט פוּן גַּאֲוָה, דָאס פַארְפוֹילְטְקֵייט פוּן אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, בִּפְרַט דִי מַאן; מְבַטֵל זַיין זַיינֶע ווֶוערְטֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער; זִין אוּן טֶעכְטֶער, אֵיידֶעמֶער אוּן שְׁנוּרְן - זָאלְן זַיין אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה; אָן תְּפִלָּה אִיז מֶען פַארְלוֹירְן, ווִידֶערְאוּם מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען טוֹישְׁן יֶענֶעמְ׳ס נַאטוּר, תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס!

דֶער בְּרִיוו ווֶועט זַיין גֶעדְרוּקְט אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; ווֶוען אַייעֶר זוּן ווֶועט קוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף שַׁבָּת - זָאלְט אִיר לֵייגְן דֶעם קוּנְטְרֵס בַּיי זֵייעֶר שְׁטוּב, אַזוֹי ווֶועט אַייעֶר שְׁנוּר לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו, ווֶועט זִי זִיךְ כַאפְּן, זִי ווֶועט טְרַאכְטְן אַז זִי דַארְף פַארְעֶכְטְן; זִי ווֶועט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן מֶער נִישְׁט רֶעדְן מִיט עַזּוּת צוּ אִיר מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן ווֶוען מַיין זוּן רֶעדְט בָּרַבִּים קֶעגְן אִידְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע מַאמֶע, מַיין זוּן הָאט לֵיידֶער אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט אוּן אִיךְ ווֶוער קְרַאנְק פוּן דֶעם, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעפִינֶען קַיין טְרֵייסְט; דִי הַארְץ ווֵיינְט מִיר ווֶוען מַיין זוּן דְרֵייבְט זִיךְ לֵיידֶער אַרוּם אוּן עֶר בַּאשְׁמוּצְט אוּנְזֶער טֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע פָאלְק, עֶר גֵייט צוּ דִי גוֹי'אִישֶׁע מִידְיֶע אוּן פַארְשֶׁעמְט אוּנְז מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע נִידְרִיגֶע לִיגְנְטְס קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע פָאלְק.

אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט טְרֵייסְטְן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעהָאדֶעוֶועט דָאס קִינְד, פַארְוָואס? פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער דִי פִילֶע צַעַר פוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דָאס קִינְד, פוּן אִים הָאדֶעוֶוען אוּן פִיטֶערְן? אִיךְ וֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל עֶס אַרִיבֶּערְטְרָאגְן, אִיךְ פִיל ווִי מַיין הַארְץ גֵייט פְּלַאצְן פוּן צַעַר אוּן אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְלָאזְן מַיינֶע אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער יְתוֹמִים'לֶעךְ.

אִיךְ וֵויין! טַייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶס הָאט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת ווִי יֶעצְט, מַיין אֵיינְצִיגֶע טְרֵייסְט זֶענֶען אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער אוּן אַייעֶרֶע בְּרִיוו. אִיךְ שְׁלָאף נִישְׁט קַיין נֶעכְט, מַיין זוּן עֶסְט נְבֵלוֹת אוּן טְרֵפוֹת, עֶר גֵייט צוּ גוֹיִם פַארְשֶׁעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ בֶּעט אַייךְ הֶעלְפְט מִיר דוּרְכְטְרָאגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה.

**יְיַשֶׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח, י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע אִידְן תְּשׁוּבָה טוּן, מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע פַארְפַאלֶענֶע אוּן פַארְשְׁטוֹיסֶענֶע אִידְן; אַלֶע וָואס וֵייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער - וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה כז, יג): "וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל, וּבָאוּ הָאֹבְדִים בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר וְהַנִּדָּחִים בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְהִשְׁתַּחֲווּ לַה׳ בְּהַר הַקֹּדֶשׁ בִּירוּשָׁלָיִם", אַלֶע פַארְלוֹירֶענֶע אוּן פַארְשְׁטוֹיסֶענֶע וֶועלְן קוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם זִיךְ בּוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ אִיד קֶען נִישְׁט פַארְפַאלְן וֶוערְן, אַ אִיד בְּלַייבְּט אַ אִיד, בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל ב יד, יד): "וְחָשַׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבִלְתִּי יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח", אַ אִיד וֶוערְט נִישְׁט פַארְשְׁטוֹיסְן, בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טְרַאכְטְס נִישְׁט אַז אִיר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט; חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אַז

אַייעֶר אַרְבֶּעט פוּן הָאבְּן דִי קִינְד אִיז גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען הִיטְן אִידִישְׁקֵייט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ פִירְן וִוי גוֹיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאל מֶען וַוייטֶער חַתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן קִינְדֶער, וַוייל בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ וָואס לָאזְן אָפּ דִי אִידִישֶׁע וֶועג הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דַארְף מֶען הָאבְּן קִינְדֶער אִין אַלֶע צַייטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶרֶע אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע כֹּחוֹת, אִיר דַארְפְט וַוייטֶער אוֹיפְצוּעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי דַארְפְן אַייךְ פַאר אַ מַאמֶע. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַייךְ טוּנְקֶל אוּן פִינְסְטֶער, דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט בַּיי אַייךְ, אַייעֶר צַעַר אִיז אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צַעַר וִוי עֶלְטֶערְן וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט דִי אִידִישֶׁע וֶועג, עֶס אִיז נִישְׁט מַשִּׂיג צוּ זַיין דִי צַעַר, דָאךְ דַארְפְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ טוּן וַוייטֶער דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם.

אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג, פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג; דָאךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר קִינְד אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אַלֶע זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָא מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט דִי אִידִישֶׁע וֶועג אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט אוֹיף זֵיי, בִּיז זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָוארְפְן מִיט שִׁידוּכִים, וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר בַּאנַארִישְׁט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָוארְפְן מִיט שִׁידוּכִים; מֶען הָאט גֶערֶעדְט פַאר מִיר אַ שִׁידוּךְ שׁוֹין בַּיי דִי אַכְצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט, מַיין טַאטֶע הָאט מִיר זֵייעֶר צוּגֶערֶעדְט אָבֶער אִיךְ הָאבּ דָאס אָפְּגֶעזָאגְט וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶע'דִמְיוֹנ'ט אַז אִיךְ דַארְף הָאבְּן עֶפֶּעס גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שִׁידוּךְ, אוּן יֶענֶע שִׁידוּךְ אִיז דִי מֵיידְל אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן אַן אַנְדֶערֶע שֵׁבֶט.

הַיינְט קוּק אִיךְ זִיךְ אַרוּם, אִיךְ זֶע אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים מַאכְן שׁוֹין שִׂמְחוֹת, אוּן פַאר מִיר טְרָאגְט מֶען שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט אָן קַיין שִׁידוּכִים, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם אַלֵיין, הַיינְט וָואלְט אִיךְ שׁוֹין מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ סַיי וֶועלְכֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ וָואלְט גֶענוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע וָואס מֶען טְרָאגְט אָן, אִיךְ וָואלְט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפָּארְט אַזוֹיפִיל עַגְמַת נֶפֶשׁ אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט גֶענוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע וָואס מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר חֲרָטָה אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ יוּנְגֶערְהֵייט אָפְּגֶעזָאגְט שִׁידוּכִים, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל יֶעדְן טָאג פַאר אַ שִׁידוּךְ, אָבֶער דֶערְוַוייל זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז עֶפֶּעס זָאל קוּמֶען. אִיךְ דַארְף אַ בְּרָכָה, אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה אוּן אִיךְ דַארְף אַ לֶעבְּן.

יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז דִי צָרָה פַארְוָואס עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, וַוייל מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ; מֶען דִמְיוֹנ'ט זִיךְ אוֹיס אַ דִמְיוֹן, אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, אַ רַייכֶע שִׁידוּךְ, אוּן דֶערְוַוייל גֵייעֶן אַרִיבֶּער כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים, מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער, דָאס אִיז אַלְץ פוּן גַּאֲוָה; מֶען מַאכְט אַלֶעס אַוֶועק, עֶס פַּאסְט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'. אַזוֹי דְרֵיידְט מֶען זִיךְ אַרוּם זוּכְנְדִיג אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

אַז דוּ ווילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידוּךְ. אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁידוּךְ, דִי מֵיידְל אִיז גֶעזוּנְט אוּן זִי ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם שִׁידוּךְ. קוּק נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ קוּקְן - ווִי פְּרִיעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן. אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶועלְן, דוּ וֶועסְט אָפְּזָאגְן שִׁידוּכִים - וֶועסְטוּ זִיךְ זֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דִי לֶעבְּן מִיט גָארְנִישְׁט.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים". דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי 'קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים'; דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיז סוֹף סֶדְרָה; דָאס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה - קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל מַיין ווַייבּ מַשְׁקִיעַ זַיין גֶעלְט אִין אַ בִּיזְנֶעס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען טְרָאגְט אָן פַאר מַיין ווַייבּ צוּ פַארְקוֹיפְן גֶעווִיסֶע זַאכְן אִין שְׁטוּב, מֶען דַארְף מַשְׁקִיעַ זַיין צְווֵיי טוֹיזְנְט שֶׁקֶל, אוּן נָאךְ אַ יָאר אוֹיב עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען קֶען מֶען צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט.

דִי זַאךְ אַרְבֶּעט אַז מֶען פַארְדִינְט אוֹיךְ גֶעלְט אוֹיב מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין נָאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן דָאס פַארְקוֹיפְן. אִין דִי הֵיימִישֶׁע גֶעגְנְטֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָאס יֶעצְט אַ גְרוֹיסֶע מְדַבֵּר, אוֹיךְ פַאר מַיין שְׁוֶועסְטֶער הָאט מֶען עֶס אָנְגֶעטְרָאגְן, אוּן מַיין ווַייבּ ווִיל ווִיסְן צִי עֶס לוֹינְט זִיךְ אַרַיינְצוּגֵיין אִין דֶעם.

אִיר שְׁוֶועגֶערִין, וָואס אִיז אַ פַארְקוֹיפֶערִין פוּן דִי זַאכְן, הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִיר אוּן זִי מַאכְט גֶעלְט אוֹיב זִי בְּרֶענְגְט נָאךְ אַ פַארְקוֹיפֶערִין, אוּן אִיר שְׁוֶועגֶערִין הָאט אִיר אוֹיךְ

גֶעזָאגְט אַז זִי מַאכְט נִישְׁט צוּפִיל גֶעלְט וַוייל זִי אַרְבֶּעט נִישְׁט גֶענוּג שָׁעוֹת פַּאר דֶעם אָבֶּער אַנְדֶערֶע מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט, אֶפְשָׁר זֶעקְס טוֹיזְנְט שֶׁקֶל אַ חוֹדֶשׁ. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט זִי אִיר גֶעזָאגְט אַז דִי גוּט גֵייעֶנְדֶע זַאכְן פֶעלְן יֶעצְט פוּן דִי קָאמְפַּאנִי וֶועגְן קָארָאנֶע, קוֹיפְט זִי עֶס יֶעצְט פוּן אַנְדֶערֶע פַּארְקוֹיפֶערִינְס, אוּן זִי פַּארְדִינְט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, נָאר כְּדֵי צוּ הַאלְטְן אִירֶע קָאסְטוּמֶערְס.

מַיין וַוייבּ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ מֶען זָאל דָאס פְּרוּבִּירְן, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז דָאס עֶפֶּעס וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיס גוּט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי זַאכְן; יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פַארְדְרֵיידְט מֶען דִי קָאפּ מִיט דִי זַאכְן, מֶען רֶעדְט אַיין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוֹיבּ מֶען וֶועט בְּרֶענְגֶען צֶען מֶענְטְשְׁן וָואס דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְן בְּרֶענְגֶען צֶען מֶענְטְשְׁן וָואס דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְן בְּרֶענְגֶען וְכוּ' וְכוּ'.

לָאז דַיין וַוייבּ זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, זִי דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן; זִי דַארְף נִישְׁט נָאכְשְׁפְּרִינְגֶען יֶעדֶע שְׁוֶועסְטֶער אָדֶער שְׁוֶועגֶערִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**גֶעזוּנְט קוּמְט פַאר אַלֶעס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט; גֶעזוּנְט קוּמְט פַאר אַלֶעס.

גֵייט צוּם צֵיין דָאקְטֶער וואוּ אִיר זֶענְט מֶער בַּאקְוֶועם אוּן וָואס מַאכְט אַ בֶּעסֶערֶע אַרְבֶּעט, אֲפִילוּ זֵיי בֶּעטְן גְרוֹיס גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט פִּיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי שְׁטוּב, מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מֶעסְט זִיךְ לוֹיט זַיין מִשְׁנָיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, פְלָארִידָא**

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ; זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג פוּן דִי וָואךְ - וֶועט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיךְ בַּאנֵיי דַיין שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; לֶערְן יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וַוייל דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס וַואשְׁט אָפּ דִי נְשָׁמָה, עֶס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְלֶעקְן.

וִוי אַזוֹי מֶעסְט מֶען וֶוער עֶס אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? וֶוער עֶס זָאגְט מִשְׁנָיוֹת, וֶוער עֶס טְרָאגְט מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנָיוֹת - דֶער אִיז אַ נָאנְטֶער תַּלְמִיד. מֶען קֶען ווֹאוֹינֶען וַוייט פוּן יְשִׁיבָה אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר נָאנְט, אוּן מֶען קֶען זַיין אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער אוֹיבּ זָאגְט מֶען נִישְׁט מִשְׁנָיוֹת - אִיז מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר וַוייט.

שְׁטַארְק זִיךְ, וָואס דוּ דַארְפְסְט - בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

## אַלֶע וֶועלְן גֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן הַצַּדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מָשִׁיחַ וֶועט מַאכְן אַ דֶרֶךְ כְּבוּשָׁה, אַזוֹי וִוי יֶעדֶער אִיד

לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג - וֶועט יֶעדֶער אֵיינֶער גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס וֶועט זַיין אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער וֶועט טוּן".

וָואס דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען? מִיר קֶענֶען עֶס שׁוֹין יֶעצְט טוּן; זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן טָאג, חֹק וְלֹא יַעֲבֹר, צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין דַיין פֶעלְד. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ מִיט דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן, אַלֶע זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אִיךְ וֶועל אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּ דִי אֵיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - בִּיז אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, אִיר אַלֶע וֶועלְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֶלְטֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער; אַלֶע וֶועלְן גֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, עֶס וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן אִין שְׁטֶעטְל אַ לוּפְט פוּן גַן עֵדֶן.

...

## אִיךְ בֶּעט דִיר פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ: זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ אַ שִׁיעוּר, אָדֶער אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער בַּיינַאכְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא. אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אַלֶע אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן קוּמֶען אָדֶער אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער בַּיינַאכְט - לֶערְנֶען, אָדֶער מִיט אַ חַבְרוּתָא אָדֶער זִיצְן בַּיים שִׁיעוּר גְמָרָא.

נָאר דָאס וֶועט פוּן אוּנְז אִיבֶּערְבְּלַייבְּן, דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה, דָאס בִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, דִי מִקְוֶה וָואס מֶען טוֹבֵלְ'ט זִיךְ, דִי פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה, שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים; נָאר דָאס וֶועט פוּן אוּנְז בְּלַייבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ טֶעקְסְט

מֶעסִידְזְשׁ, אַן אִימֶעיל אָדֶער אַ בְּרִיוו - וָואס דוּ לֶערְנְסְט אוּן וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט; אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַן אָרֶעמַאן - נַאקֶעט פוּן תּוֹרָה, נַאקֶעט פוּן תְּפִלָּה.

שְׁרַייבּ מִיר אוֹיבּ דוּ גֵייסְט צוּ אַ שִׁיעוּר, אָדֶער אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ חַבְרוּתָא - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

...

### אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

ווָאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דַיינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דוּ גֵייסְט מִיט זֵיי אִין פֶעלְד, דוּ מַאכְסְט מִיט זֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל דַיין הַנְהָגָה, אַז דוּ גֵייסְט מִיט דַיין זוּן אִין פֶעלְד, דוּ זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוֹיף דִי גְרָאז מִיט אִים אוּן דוּ דַאנְקְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים אוֹיף אַלֶעס. דוּ הֵייבְּסְט אָן בַּיים קָאפְּל, דוּ דַאנְקְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ אַ קָאפְּל, הָאר אוּן אַ קָאפּ; אוֹיעֶרְן, נָאז, מוֹיל, בַּאקְן, פֵּיאוֹת", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; דִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, עֶטְלִיכֶע הָאבְּן מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זֵיי הָאבְּן דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן מִיט זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן אַזוֹי טוּן, דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל הָאט נָאר דִי אֵיין מַעֲלָה, אַז מֶען קֶען לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אֱמוּנָה, דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פִּילֶעוֶוען אֱמוּנָה, דִי לוּפְט אִיז רֵיין; נִישְׁטָא קַיין הִסְתַּכְּלוּת

אֲסוּרוֹת.

וואויל אִיז דֶער וָואס נוּצְט אוֹיס דִי פְּלַאץ אוֹיף גוּטֶע זַאכְן.

...

**יוּנְגֶע בָּחוּרִים דַארְפְן לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא אוּן חוּמָשׁ רַשִׁ"י**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט טוּן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט וִוי דוּ לֶערְנְסְט מִיט דִי בָּחוּרִים. מֶען דַארְף זַיין אָנְגֶעגְרֵייט פַארְ'ן טָאג - וָואס צוּ לֶערְנֶען, מֶען קֶען נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן חִיזוּק, חִיזוּק - חִיזוּק. יוּנְגֶע בָּחוּרִים דַארְפְן לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא אוּן חוּמָשׁ רַשִׁ"י, צוּ דֶעם, בְּנוֹסָף לָזֶה - גֶעבְּט מֶען חִיזוּק, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג חִיזוּק, דִי קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען.

גְרֵייט זִיךְ אָן וָואס דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי חוּמָשׁ רַשִׁ"י. צֶעטֵייל דִי פַּרְשָׁה אוֹיפְ'ן וָואךְ, אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ זָאלְסְטוּ עֶנְדִיגְן מִיט זֵיי דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה מִיט רַשִׁ"י. חוּמָשׁ רַשִׁ"י אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶער לִימּוּד, לֶערְן עֶס פָאר מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, מַאךְ עֶס אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר זֵיי, קוּק זִיךְ פָאר דִי פַּרְשָׁה מִיט מֶדְרָשִׁים; קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ מַעֲשִׂיוֹת, מַאךְ עֶס פַאר זֵיי עֶס זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאק.

אוֹיךְ לֶערְן מִיט זֵיי גְמָרָא, רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת.

נָאכְדֶעם דֶערְצֵייל זֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ צוּ וֶועלְן זַיין צַדִּיקִים.

גֵיי פַארְטָאגְס אַבִּיסְל אִין פֶעלְד, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים, אַלֶע זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִּיקִים.

נָאכְאַמָאל, מֶען דַארְף חִיזוּק, אָבֶער אַ גַאנְצְן טָאג חִיזוּק - הָאט נִישְׁט קַיין זִין.

קוֹיף זִיךְ אַ נַייעֶ הוּט; אַ מְלַמֵד דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין.

...

### בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ קוֹיפְסְט יֶעצְט אַ דִירָה אִין שְׁטֶעטְל, דוּ קוּמְסְט וואוֹינֶען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דַארְפְסְטוּ וִויסְן דִי תַּקָנוֹת פוּן אוּנְזֶער שְׁטָאט.

בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת. מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, מֶען מוּז מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; דָאס אִיז בַּיי אוּנְז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט שָׁלוֹם בַּיִת פַאר אַ יְסוֹד צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; לֵיידֶער אִין בְּרֶסְלֶב זֶענֶען נִישְׁט אַלֶע דָאס מְקַיֵים, אָבֶער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם.

אַז דַיין הוֹיז וֶועט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי אַלֶע כֵּלִים וָואס הָאבְּן אִינְטֶערְנֶעט וְכַדוֹמֶה - וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר אוֹיף אַ בַּאזוּךְ, אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְלָאזְן אַ בְּרָכָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב.

...

## אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי קָאמְפֵּיין עֶס זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז דוּ שְׁטֵייסְט אִים צוּ דִי הַאנְט, דוּ הֶעלְפְסְט אִים מִיט דִי קָאמְפֵּיין וָואס מִיר מַאכְן דִי יָאר, קָאמְפֵּיין "אַ וֶועלְט פוּן חִיזוּק". אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי קָאמְפֵּיין זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע גוּטֶע גְרִיס וָואס אִיךְ הֶער אוֹיף דִיר, אַ צְוֵוייטֶע גְרוּס הֶער אִיךְ אוֹיף דִיר, אַז דוּ קוּמְסְט אִין שׁוּל, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בָּארָא פַּארְק בַּיינַאכְט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; דָאס אִיז מִיר נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה, צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה. דָאס אִיז דָאךְ מַיין שְׁטְרֶעבְן, אַז דִי תַּלְמִידִים אוּן חֲבֵרִים וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - זָאלְן גֶעדֶענְקֶען פוּן תַּכְלִית, אַרוֹיסְכַאפְּן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ פְּלָאג זִיךְ אַזוֹי מִיט יֶעדְן בָּחוּר בִּיז אִיךְ מַאךְ אִים חֲתוּנָה, נָאר צוּ קֶענֶען הֶערְן אַז עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט.

גֵיי אָן מִיטְ'ן שִׁיעוּר גְמָרָא - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שֵׁיין פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב! אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פַאר דַיין שִׁידוּךְ; עֶס אִיז אַ שִׂמְחָה אִין דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה, אַ שִׂמְחָה פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה - אַז דוּ

הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

קוּק וִוי שֵׁיין דוּ וֶוערְסְט בַּאצָאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי, קוּק וָואס דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט; דָאס אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט וָואס דוּ וֶועסְט נָאךְ בַּאקוּמֶען אִין לֶעבְן פַאר'ן הֶעלְפְן דִי אַלֶע יָארְן דִי יְשִׁיבָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען וַוייטֶער דַיין גַאנְץ לֶעבְן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה; דוּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן זַיין גֶעטְרֵיי צוּם רֶבִּי'ן, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

וָואס מֶען טוּט - טוּט מֶען פַאר זִיךְ אַלֵיינְס; דוּ הָאסְט מִיר גֶעדְרוּקְט דִי שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע תְּהִלִים, יֶעצְט וֶועסְטוּ הֶערְן פוּן דַיין כַּלָה תִּחְיֶ' אַז זִי זָאגְט תְּהִלִים אוּן זִי הָאט גֶע'פּוֹעֵלְ'ט אִיר שִׁידוּךְ - מִיט דִי תְּהִלִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרוּקְט!

...

### זוּךְ דִיר וֶועגְן וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִיר, אִיךְ זֶע וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ; סַיי דַיין דַאוֶוענֶען, סַיי דַיין לֶערְנֶען אוּן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת; דוּ גֶעבְּסְט מִיר כֹּחַ מִיט דַיין שֵׁיינֶע הִתְנַהֲגוּת.

פַארְיָאר הָאסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן בַּיים קָאמְפֵּיין, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה; וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן דִי יָאר בַּיים קָאמְפֵּיין. אִיךְ נוֹיטִיג זִיךְ אִין גְרוֹיס גֶעלְט, דִי מוֹסָד וַואקְסְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, מִיר דַארְפְן הִילְף צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין. בֶּעט אִיךְ דִיר,

פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט שׁוֹין חֲזָקָה, שׁוֹין אַלֶע יָארְן הָאט עֶר גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין, דָאס אִיז אוּנְזֶער דִינֶער הַשְּׁנָתִי, פְּרֶעג אִים וָואס דוּ קֶענְסְט אִים הֶעלְפְן.

הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט - דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה; זוּךְ דִיר וֶועגְן וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, בְּלַייבְּן אַ שַׁמָּשׁ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן; וַוייל וָואס מֶען טוּט אוֹיף דִי וֶועלְט - טוּט מֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק אוֹיף דִי וֶועלְט - וֶועט זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אִין עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן עד): "הַמְקֹרָבִים שֶׁיֵּשׁ לַצַּדִּיק בְּחַיָּיו, הֵם יִהְיוּ מְקֹרָבִים בְּמוֹתָם".

...

## אַז מֶען וֶועט זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת, וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל טְרָאגְן גְרִינְג אוּן הָאבְּן גְרִינְג, אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְג, מִיט נַחַת אוּן גְרוֹיס פְרֵייד.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ זִי זָאל זִיךְ אוֹיךְ אָפְּשֶׁערְן אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס זִי וַוארְט וְכוּ'; אַוַדַאי זָאל זִי זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר אִין דִי חֲדָשִׁים, אוֹיבּ עֶפֶּעס אִיז אִין דִי חֲדָשִׁים ווִיכְטִיגֶער זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר, אַזוֹי וֶועט דֶער קִינְד זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט זֵייעֶר שַׁארְף אוֹיבּ אַ פְרוֹי גֵייט מִיט הָאר, דֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָּא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחֲזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל

זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', און דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', און אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', און זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם און דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס"; און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, מִדָּה טוֹבָה מְרוּבָּה, אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, זִי שֶׁערְט זִיךְ אָפּ אִירֶע הָאר - וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, און זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער, אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן יָא זַיין חָשׁוּב.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ זִי זָאל מַקְפִּיד זַיין בַּיים שְׁלָאפְן צוּ גֵיין צוּגֶעדֶעקְט דִי קָאפּ; קוּק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא מז.): "שִׁבְעָה בָּנִים הָיוּ לָהּ לְקִמְחִית", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי קִמְחִית, זִי הָאט גֶעהַאט זִיבְּן קִינְדֶער, "וְכֻלָּן שִׁמְּשׁוּ בִּכְהוּנָּה גְדוֹלָה", און זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים. "אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים: מַה עָשִׂית שֶׁזָּכִית לְכָּךְ", הָאבְּן דִי חֲכָמִים אִיר גֶעפְרֶעגְט: וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם? "אָמְרָה לָהֶם: מִיָּמַי לֹא רָאוּ קוֹרוֹת בֵּיתִי קְלָעֵי שַׂעֲרִי", הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים: מַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן צוּ זַיין גוּט צוּגֶעדֶעקְט דִי קָאפּ, אַז דִי הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען.

בְּנוֹגֵעַ פְרֶעגְן דֶעם דָאקְטֶער וְכוּ'; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועגְן עַיִן הָרָע נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע, אֲפִילוּ פַאר עֶלְטֶערְן - וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט און נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן צוּלִיבּ עַיִן הָרָע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵייט מִיט אַייעֶר מַאן, וֶועט אַייךְ זַיין גוּט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

טוּט וָואס אַייעֶר מַאן ווִיל, זַייט גֶעטְרֵיי פַאר אִים; אַז עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין אוֹיף שַׁבָּת צוּ אַייעֶר מִשְׁפָּחָה זָאלְט אִיר אִים זָאגְן 'אִיךְ טוּ וָואס דוּ ווִילְסְט'.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִים זֵייעֶר גוּט אוּן אִיר פַארְשְׁטֵייט אִים נָאךְ בֶּעסֶער, אִיר וֵוייסְט דָאס בֶּעסְטֶע פַארְוָואס עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; דֶערְמַאנְט אַייךְ וָואס אִיר הָאט מִיר אַלְץ גֶעשְׁרִיבְּן ווִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס אַ שַׁבָּת בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, פְּלוּצְלוּנְג הָאט אִיר אַלֶעס פַארְגֶעסְן אוּן אִיר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַייעֶר מַאן פַארְוָואס עֶר ווִיל נִישְׁט אַהִין גֵיין? קוּקְט אִיבֶּער דִי טוֹיזְנְט בְּרִיוו וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אַייעֶר צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער אַלֶע יָארְן פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן ווִי אַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס אַ שַׁבָּת בַּיי זֵיי, אַ בֵּית מְשׁוּגָעִים אִיז גָאלְד גֶעזָאגְט; אַייעֶר טַאטֶע אוּן בְּרִידֶער לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ אוּן רַאנְגְלֶען זִיךְ וְכוּ' וְכוּ', עֶס פְלִיעֶן כֵּלִים אוּן חֲפָצִים, מֶען וַוארְפְט מֶעסֶערְס אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן; בְּקִיצוּר, אִיךְ דַארְף אַייךְ נִישְׁט זָאגְן וַוייל אִיר וֵוייסְט בֶּעסֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גֵייט מִיט אַייעֶר מַאן, זַייט אִים גֶעטְרֵיי; בֶּעסֶערְס פוּן אִים וֶועט אִיר נִישְׁט טְרֶעפְן אִין אַייעֶר לֶעבְּן, קֵיינֶער וֶועט אַייךְ נִישְׁט זַיין גֶעטְרֵייעֶר ווִי אַייעֶר מַאן; אַז עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין - דַארְף עֶר נִישְׁט גֵיין, מֶען דַארְף טַאקֶע מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער מֶען אִיז נִישְׁט מְחוּיָב צוּ זִיצְן שַׁבָּת צְווִישְׁן מְשׁוּגָעִים אוּן מְטֹרָפִים.

מַאכְט אִים נִישְׁט בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ - וֶועט אִיר וֶוערְן פְרֵיילִיךְ; אַז אִיר וֶועט זַיין גֶעטְרֵיי צוּ אִים וֶועט אִיר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אָה, אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן! לָאמִיר פְּרָאבִּירְן נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְקְרִיכְן דִי גְרוֹיסֶע הוֹיכֶע לֵייטֶער; אֵיינְס, צְוֵויי, דְרֵיי; אָה, עֶס גֵייט נָאךְ אַ טְרֶעפּ, נָאךְ אַ טְרֶעפּ, אָה, נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן! אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְן!

דְ-רַ-א-פֶּ-ע זִ-י-ךְ!!!

וֶוער שְׁרֵייט? אִיךְ זֶע נִישְׁט קֵיינֶעם דָא...

*דְ-רַ-א-פֶּ-ע זִ-י-ךְ א-וּ-ן דֶ-ע-רְ-הַ-א-לְ-ט זִ-י-ךְ*

אָה, אוֹיבְן בַּיים שְׁפִּיץ פוּנֶעם לֵייטֶער זֶע אִיךְ אַ מֶענְטְשׁ, וֶוער אִיז דָאס? אִיךְ הָאב אִים נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען.

גֶעוֶוען אִיז דָאס אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין

אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט אַ חַיוּת; עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייְדְט בַּיי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אָבֶּער עֶר הָאט אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען מוֹצָאֵי שַׁבָּת, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִים מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין בִּיז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן דָארְט אִין שׁוּל.




פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל!

עֶס אִיז שְׁטִיל, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואו רֶבִּי נָתָן גֶעפוּנְט זִיךְ, רֶבִּי נָתָן שְׁלָאפְט אִין שׁוּל און חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי עֶר וִויל אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע הוֹיכֶע לֵייטֶער, אָבֶער עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, עֶר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל און עֶר פַאלְט וִוידֶער אַרָאפּ, פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט עֶר אַ קוֹל וָואס שְׁרֵייט: "דְ-רַ-א-פֶּ-ע זִ-י-ךְ א-וּ-ן דֶ-עְ-רְ-הַ-א-לְ-ט זִ-י-ךְ!!!"

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער דָאס אִיז גֶעוֶוען? וֶוער עֶס הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּ רֶבִּי נָתָן: "דְ-רַ-א-פֶּ-ע זִ-י-ךְ א-וּ-ן דֶ-עְ-רְ-הַ-א-לְ-ט זִ-י-ךְ"?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ רֶבִּי נָתָן אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, עֶר זָאל נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן; דָאס אִיז דֶער לִימוּד וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז, מִיר זָאלְן נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער פוּן עֲבוֹדַת הַשֵׁם.

קִינְדֶער, לָאמִיר אַלֶע זִיךְ גוּט אָנְכַאפְּן אִינֶעם לֵייטֶער, מִיר זָאלְן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, און אוֹיב מִיר פַאלְן וֶועלְן מִיר נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְקְרִיכְן.

בעזהשי"ת

# ואלו שמותם!

פאלגענד זענען די ראשונים לדבר מצוה וועלכע האבן זיך שוין משתתף געווען בעין יפה, און זיך איינגעהאנדלט

# זכותים אדירים

לקראת המגבית 'קבל ומסרה'

## זכות מהדורה

מוה"ר **אלי' ציג** הי"ו ושותפיו
וויליאמסבורג, ווייזניץ קיימישע

מוה"ר **יענקי פיש** הי"ו
בארא פארק

**הרוצה בעילום שמו**
וויליאמסבורג

מוה"ר **מנחם זאב שטערן** הי"ו
סטעטן איילענד

מוה"ר **שמעון ראטה** הי"ו
וויליאמסבורג

מוה"ר **שמואלי'ק בלעדי** הי"ו
בארא פארק

מוה"ר **שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו
קרית ברסלב

בלויז איין מהדורה פארבליבן!

## זכות יום טוב

זכות ראש השנה
מוה"ר **משה גאטליב** הי"ו
קרית יואל

זכות סוכות
מוה"ר **אברהם יצחק אייזנער** הי"ו
וויליאמסבורג

זכות חנוכה
מוה"ר **שמעון עזר גרינפעלד** הי"ו
וויליאמסבורג

זכות שבועות
**לזכות הראש ישיבה** שליט"א
קרית ברסלב

זכות פסח
מוה"ר **אהרן פיש** הי"ו
בארא פארק

בלויז צוויי זכותים פארבליבן!

## זכות פרשה

זכות פרשת בראשית
מוה"ר **נתנאל פארקאש** הי"ו
קרית יואל

זכות פרשת חיי שרה
מוה"ר **יענקי איידליס** הי"ו
וויליאמסבורג

זכות פרשת וישלח
מוה"ר **אלימלך שארף** הי"ו
בארא פארק

זכות פרשת מקץ
מוה"ר **יצחק משה רייך** הי"ו
בארא פארק

זכות פרשת יתרו-קבלת התורה

זכות שם מהדורה
$5,000

מוה"ר **חיים יוסף ראזענבערג** הי"ו
וויליאמסבורג

זכות פרשת תרומה
מוה"ר **זושא פריעדמאן** הי"ו
מאנסי

זכות פרשת ויקרא
מוה"ר **אהרן פיש** הי"ו
בארא פארק

זכות פרשת שלח
מוה"ר **אלי קנאלל** הי"ו
טשעסטנאט רידזש

זכות פרשת בהעלותך
מוה"ר **שמואל אליעזר פערל** הי"ו
לאנדאן

זכות פרשת מטות-מסעי
מוה"ר **נחמן נתן קרויס** הי"ו
וויליאמסבורג

זכות פרשת ואתחנן-נחמו
מוה"ר **הערשל שניצלער** הי"ו
קרית ברסלב

זכות פרשת נצבים-וילך
מוה"ר **יואל טייטלבוים** הי"ו
קרית יואל

זכות פרשת האזינו
מוה"ר **שמעון אשרי** הי"ו
מאנסי




# כאפט אייך מיט!

# אידלי בוידך ספעשל

האנדלט זיך איין זכותים אינעם ספר
**ביז ראש חודש תמוז**
און באקומט די קונטרס בריוון
פונעם ראש ישיבה שליט"א - תשס"ט"





בס״ד
בשורה טובה ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה״ג ר'
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com